**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 47 מיליאן דאלאר צו צושטעלן זומער דזשאבס פאר יוגענטליכע אין אומגינסטיגע אומשטענדן

***דער 'זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם' וועט צושטעלן דזשאבס פאר א געשאצטע 18,500 צענערלינגען און יונגע ערוואקסענע פון פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפטן היי יאר***

***סטעיט-פינאנצירטער פראגראם שטעלט צו ווערטפולע טרענירונג און באשעפטיגונג ערפארונג פאר באטייליגטע יוגענטליכע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 47.1 מיליאן דאלאר וועט צוגעטיילט ווערן צו שטיצן ניו יארק סטעיט'ס 'זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם' (Summer Youth Employment Program, SYEP) היי יאר, העלפנדיג א געשאצטע 18,500 יונגע ניו יארקער באקומען ווערטפולע ערפארונג אין די ארבעטסקראפט. אנגעפירט דורך די סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance), ברענגט דער פראגראם יונגע מענטשן פון פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט אריין אין די ארבעט'ס וועלט כדי זיי זאלן קענען אנטוויקלען נוצבארע סקילס וועלכע וועלן זיי העלפן פארבעסערן זייער הצלחה ביים לערנען און ווערן פאראנטווארטליכע ערוואקסענע.

"פאר אזויפיל יונגע מענטשן איז דאס האבן א זומער דזשאב א וויכטיגע שטאפל אין לעבן וואס העלפט זיי זיך איינהאנדלען ווערטפולע סקילס און זייערע ערשטע ערפארונגען אין די ארבעטספלאץ," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם גיבט אומשאצבארע ערפארונגען פאר יונגע מענטשן פון פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט, אויסלערנענדיג פאר זיי פאראנטווארטליכקייטן וועלכע קענען זיי העלפן מצליח זיין אין קאריערעס שפעטער אין זייער לעבן."

"מיט די אינוועסטירונג מאכן מיר זיכער אז אונזערע צענערלינגען און יונגע ערוואקסענע האבן גלייכע צוטריט צו דזשאב געלעגנהייטן, טרענירונג און ארבעטסקראפט ערפארונג," **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָו געזאגט.** "ממיר מוזן שטיצן קאמיוניטיס וועלכע האבן היסטאריש באקומען ווייניגער סערוויסעס, צושטעלן הילפס-מיטלען פאר פאמיליעס איבערן סטעיט און ארויפלייגן אונזערע קינדער אויפן וועג צו הצלחה."

דער זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם שטיצט קאמיוניטיס אריבער די סטעיט מיטן פארשאפן זומער דזשאבס פאר יונגווארג פון פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט. באטייליגטע נעמען אנטייל אין דזשאבס וועלכע פאדערן נישט קיין פאריגע ערפארונג ביי פלעצער ווי פארקס, זומער קעמפס, פלעי גרופּס, קולטורישע צענטערן, חינוך מוסדות און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, צווישן אנדערע.

צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם אין 2023, מוזן יונגע מענטשן זיין אין די עלטער פון 14 ביז 20 יאר און די איינקונפט פון זייער הויזגעזונד דארף זיין אונטער 200 פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל אדער $49,720 פאר א פאמיליע פון דריי מיטגלידער. דער פראגראם האט ארויסגעהאלפן מער פון 18,500 יוגענטליכע אין 2022, גינדיג זיי ווערטפולע ארבעטסקראפט ערפארונג, און אפטערהייט פירנדיג צו מער הצלחה אין די אקאדעמישע לערנען דערנאך.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, דעניעל וו. טיעץ, האט געזאגט,** "יוגענטליכע וואס קומען פון פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט טרעפן זיך אפט אן אין שוועריגקייטן ביי די אריבערגאנג צו ארבעטן פאר א געהאלט זיך צו קענען אויסהאלטן און ביים גיין באקומען א העכערע בילדונג. דער זומער יוגנטארבעט באשעפטיגונג פראגראם גיבט זיי א געלעגנהייט צו ארבעטן צוזאמען מיט פראפעסיאנאלן און זיך אויסלערנען די קריטישע סקילס וועלכע זענען נויטיג צו קענען האבן א קאריערע מיט א גוטע געהאלט אין די מאדערנע ארבעטסקראפט. די יונגע ניו יארקער קענען אויסנוצן די קריטישע קענטעניס וואס זיי האנדלען זיך איין דורך דעם פראגראם צו העלפן פארברייטערן זייער האריזאנט און ערנייכן זייערע קאריערע שטרעבונגען."

**סטעיט סענאטארשע און סאָושעל סערוויסעס פארזיצערין, ראַקסען דזש. פערסאוד, האט געזאגט,** "עס דערפרייט מיך אז גאווערנער האקול טיילט צו די 47 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר דעם זומער יוגנטארבעט באשעפטיגונג פראגראם פאר קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט, געלט וואס וועט גיין צו שטיצן דאס אויפנעמען נאענט צו 20,000 יוגענטליכע פון פאמיליעס וועלכע באגייען זיך מיט גרויסע עקאנאמישע שוועריגקייטן. SYEP האט שוין געהאלפן צענדליגע טויזנטע יוגענטליכע טרעפן א וועג ארויס פון ארימקייט דורך באדייטפולע באשעפטיגונג און ארבעט'ס גרייטקייט טרענירונג אין די פובליק, פריוואטע און נאָנ-פראפיט סעקטארן. SYEP פינאנצירונג איז צווישן מיינע העכסטע פריאריטעטן, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול צו פארברייטערן די וואונדערבארע געלעגנהייט צו נאך מער יוגענטליכע יעדעס יאר."

**אסעמבלי מיטגלידערין און סאָושעל סערוויסעס פארזיצערין, מאריצא דאווילא, האט געזאגט,** "דורכן פינאנצירן דעם זומער יוגנטארבעט באשעפטיגונג פראגראם, מאכן מיר א וויכטיגע אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט — אזא אינוועסטירונג וואס וועט זיך אפצאלן אין די נישט ווייטע צוקונפט. אנטיילנעמנדע יוגענטליכע און יונגע ערוואקסענע וועלן זיך איינהאנדלען ווערטפולע סקילס און ארבעטסקראפט ערפארונג וואס וועט אריבערגיין אויך צו די קלאסצימער און צו אנדערע הינזיכטן פון זייערע לעבנס. די אינוועסטירונג העלפט אויפבויען די צוקונפטיגע ארבעטסקראפט פון אונזער סטעיט און עס גיבט נייע געלעגנהייטן פאר יונגע ניו יארקער פון שוואכערע פאמיליעס."

יונגע מענטשן וועלכע זענען פאראינטערעסירט זיך צו באטייליגן זאלן זיך פארבינדן מיט זייער [לאקאלע דעפּארטמענט אָוו סאָושעל סערוויסעס](). פראגראם פינאנצירונג צוגעטיילט לויט די קאונטי היי יאר רעכנט אריין:

| קאונטי | פינאנצירונג סומע |
|---|---|
| **Albany** | **$661,304** |
| **Allegany** | **$192,556** |
| **Broome** | **$536,718** |
| **Cattaraugus** | **$273,371** |
| **Cayuga** | **$194,209** |
| **Chautauqua** | **$417,968** |
| **Chemung** | **$217,780** |

| | |
|---|---|
| $146,216 | Chenango |
| $214,206 | Clinton |
| $112,518 | Columbia |
| $151,263 | Cortland |
| $124,708 | Delaware |
| $535,230 | Dutchess |
| $2,142,029 | Erie |
| $79,874 | Essex |
| $159,821 | Franklin |
| $144,316 | Fulton |
| $118,901 | Genesee |
| $117,722 | Greene |
| $12,079 | Hamilton |
| $167,426 | Herkimer |
| $311,645 | Jefferson |
| $81,586 | Lewis |
| $172,409 | Livingston |
| $184,409 | Madison |
| $1,806,333 | Monroe |
| $142,084 | Montgomery |
| $1,497,803 | Nassau |
| $475,228 | Niagara |
| $24,454,907 | NYC |
| $601,373 | Oneida |
| $1,153,959 | Onondaga |
| $213,855 | Ontario |
| $841,523 | Orange |
| $113,968 | Orleans |
| $397,759 | Oswego |
| $196,140 | Otsego |
| $91,897 | Putnam |
| $334,779 | Rensselaer |
| $745,802 | Rockland |
| $278,303 | Saratoga |
| $304,720 | Schenectady |
| $86,991 | Schoharie |
| $48,871 | Schuyler |
| $104,889 | Seneca |
| $425,199 | St Lawrence |
| $263,573 | Steuben |
| $1,906,794 | Suffolk |
| $197,083 | Sullivan |
| $120,623 | Tioga |

| | |
|---|---|
| **$402,199** | **Tompkins** |
| **$353,105** | **Ulster** |
| **$113,513** | **Warren** |
| **$144,977** | **Washington** |
| **$204,860** | **Wayne** |
| **$1,425,549** | **Westchester** |
| **$108,054** | **Wyoming** |
| **$73,023** | **Yates** |
| **$47,100,000** | **סך הכל** |

**###**


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418